בלק תשפ"א
גליון 48

# דעם רבי'נס ליכט



**אַייערע קינְדֶער זָאלְט איר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זיך גִיטָאן** (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

אַ גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.

בָּרוּךְ שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה

גֶעלוֹיבְּט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַז עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אַ יָאר צַייט וָואס קוּמְט אַרוֹיס בעז"ה וֶועכֶענְטְלִיךְ "דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְט" אוּן מַאכְט לִיכְטִיג דִי יוּנְגֶע הֶערְצֶעלֶעךְ אַרוּם דֶער וֶועלְט. אִילוּ פִּינוּ מָלֵא שִׁירָה כַּיָּם קֶענֶען מִיר נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקֶן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע חֲסָדִים אוּן טוֹבוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט מִיט אוּנְז בִּיז אִיצְט, עַד הֵנָּה עֲזָרוּנוּ עֶר הָאט אוּנְז גֶעהָאלְפְן בִּיז אַהֶער, בֶּעטְן מִיר עֶר זָאל אוּנְז וַוייטֶער הֶעלְפְן צוּשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּי'נְס דַּעַת בִּיז עֶס וֶועט מְקֻיָּם וֶוערְן "אוֹר חָדָשׁ עַל צִיּוֹן תָּאִיר".

מִיר שְׁטֵייעֶן אִין פַּרְשַׁת בָּלָק, לָאמִיר זֶען וָואס בָּלָק הָאט גֶעוָואלְט טוּן פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. חֲזַ"ל זָאגְן "מִבִּרְכוֹתָיו שֶׁל אוֹתוֹ רָשָׁע אָנוּ לְמֵדִים מַה הָיָה בְּלִבּוֹ - פוּן זַיינֶע בְּרָכוֹת קֶענֶען מִיר לֶערְנֶען וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אִין זַיין הַארְץ אוּנְז צוּ שֶׁעלְטְן". אֵיינֶע פוּן דִי בְּרָכוֹת פוּן בִּלְעָם אִיז גֶעוֶוען, "מִי מָנָה עֲפַר יַעֲקֹב וּמִסְפָּר אֶת רֹבַע יִשְׂרָאֵל", טַייטְשׁ רֶבִּי נָתָן אַזוֹי: "וֶוער קֶען צֵיילְן אוּן אָפְּשַׁאצְן דָאס טַייעֶרְקַייט אוּן הֵיילִיגְקַייט פוּן יֶעדֶע טְרִיט וֶוען מֶען טְרֶעט אוֹיף דִי עֶרְד, גֵייעֶנְדִיג אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אָדֶער אִין חֵדֶר, וָואס פוּן דִי אַלֶע טְרִיט וֶוערְט אוֹיבְן אִין הִימְל תִּקּוּנִים אוּן עֶס אִיז דָא לְמַעְלָה פוּן דֶעם אַ גֶעוַואלְדִיגֶע נַחַת רוּחַ".

עֶס אִיז נָאךְ נִישְׁט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן דֶער קָאמְפְּיוּטֶער וָואס קֶען אָפְּצֵיילְן אוּן אוֹיסְרֶעכֶענֶען דִי טַייעֶרְקַייט אוּן שַׁעֲשׁוּעִים פוּן יֶעדְן טְרִיט אוּן טְרִיט וָואס מֶען גֵייט אוֹיף דֶער עֶרְד צוּ טוּן אַ הֵיילִיגֶע זַאךְ, וִוי לְמָשָׁל אַרוֹיסְטְרָאגְן דִי מִיסְט וֶוען טַאטֶע-מַאמֶע בֶּעטְן, גֵיין אַיינְקוֹיפְן לְכָבוֹד שַׁבָּת, וֶוען אַ אִינְגְל טוּט אָן זַיין טֶעשֶׁעלֶע צוּ גֵיין אִין חֵדֶר, אֲפִילוּ נָאר פוּן דִי טְרִיט גֵייעֶנְדִיג אוֹיפְן וֶועג נָאךְ פַארְן אָנְקוּמֶען אִין חֵדֶר, וֶוערְן פוּן דִי אַלֶע טְרִיט אָפְּגֶעטוּן גָאר גְרוֹיסֶע תִּקּוּנִים וָואס מִיר קֶענֶען דָאס נִישְׁט אַרַיינֶעמֶען אִין אוּנְזֶער מֹחַ, דִי טַייעֶרְקַייט אוּן גְרוֹיסְקֵייט דֶערְפוּן.

בִּלְעָם זָאגְט: "הֵן עָם לְבָדָד יִשְׁכּוֹן וּבַגּוֹיִם לֹא יִתְחַשָּׁב" טַייטְשׁ דֶער תַּרְגּוּם יוֹנָתָן אַז כְּלַל יִשְׂרָאֵל רֶעכֶענֶען זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי גוֹיִם, זֵיי גֵייעֶן נִישְׁט נָאךְ דִי גוֹי'שֶׁע מָאדֶעס דִי גוֹי'שֶׁע שְׁפִּילֶעַרַייעֶן אוּן אַלֶע סָארְטְן אִיבֶּערְגֶעטְרִיבֶּענֶע נַאשֶׁעַרַייעֶן, טַייעֶרֶע קְלֵיידֶער אוּן לוּקְסוּס'דִיגֶע מֶעבְּל א.א.וו. דִי גוֹיִם לֶעבְּן נָאר אֵיינְמָאל אוֹיף דִי וֶועלְט מוּזְן זֵיי גְלַייךְ זִיךְ אוֹיפְכַאפְּן אוֹיף יֶעדֶע נַייעֶ טֶעכְנָאלָאגִיֶע אוּן תַּאֲוֹות וָואס שְׁווִימֶען כְּסֵדֶר אַרוֹיף וִוי שְׁוַואמֶען נָאךְ אַ רֶעגְן, וַוייל דָאס אִיז זֵייעֶר גַאנְצֶער חִיּוּת.

אָבֶּער אִידִישֶׁע קִינְדֶער לֶעבְּן מִיט גָאר אַן אַנְדֶערְן תַּכְלִית זֵיי לֶעבְּן אַ פָּשׁוּטֶע לֶעבְּן אוּן קוֹיפְן נָאר וָואס מֶען מוּז כְּדֵי צוּ קֶענֶען מִיט דֶעם דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער. וִויאַזוֹי קֶען מֶען טַאקֶע צוּקוּמֶען צוּ דֶעם? זָאגְט רֶבִּי נָתָן "הֵן עָם לְבָדָד יִשְׁכּוֹן" דִי אִידְן זֶענֶען אַ הֵיילִיג פָּאלְק זֵיי גֶעוואוֹינֶען זִיךְ צוּ צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט "לֵךְ עַמִּי בֹּא בַחֲדָרֶיךָ וּסְגֹר דְּלָתֶיךָ" (יְשַׁעְיָהוּ כו, כ) זֵיי בַּאהַאלְטְן זִיךְ אוּנְטֶער דֶעם בַּאשֶׁעפֶער'ס פְלִיגְלֶען אַזוֹי וִוי סְ'שְׁטֵייט אִין תְּהִלִּים "כִּי אַתָּה ה' מַחְסִי עֶלְיוֹן שַׂמְתָּ מְעוֹנֶךָ (תְּהִלִּים צא, ט)" זָאגְט דָּוִד הַמֶּלֶךְ פַארְן בַּאשֶׁעפֶער: "גָאט בָּרוּךְ הוּא דִי בִּיסְט מַיין וואוֹינְאָרְט מַיין שְׁטוּב, מַיין פַארְזִיכֶערוּנְג, אִיךְ לֶעבְּן נָאר פַאר דִיר". אִיךְ דַארְף נָאר וָואס עֶס פֶעלְט אוֹיס צוּ קֶענֶען דִינֶעם דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיט אַ שִׂמְחָה אוּן יִשּׁוּב הַדַּעַת".

בִּלְעָם הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְטְשְׁן "תָּמֹת נַפְשִׁי מוֹת יְשָׁרִים וּתְהִי אַחֲרִיתִי כָּמֹהוּ", הַלְוַואי וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גֵיין אִין דֶעם וֶועג, זִיךְ שְׁטַארְקְן יֶעדְן טָאג אוּן אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט שְׁטַארְקֶע רְצוֹנוֹת אוּן קַיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דָאס רָצוֹן אוּן גְלוּסְטֶענִישְׁן צוּם



ווילדע ווינטן האָבן געבלאָזן אין פוילישע שטעט אין יענע צייט, אַ קורצע תּקופה פאַר די שואה, די השׂכּלה וואָס איז געקומען פון דייטשלאַנד האָט שוין אָפּגעמאַכט אַ שרעקליכן חורבן, פיל פיל אידישע קינדער זענען געפאַלן פון אידישן וועג, צודערצו זענען אויך אויפגעשטאַנען די ציוניסטן שר"י וואָס האָבן מיט זייערע קרומע געדאַנקען פאַרשלעפּט אָן אַ שיעור פון דעם יוגנט, אויך די קאָמוניסטישע רעיונות האָבן זיך דעמאָלט געדרייט, אַסאַך מענטשן זענען געוואָרן אָפּגעקויפט מיטן נייעם פּלאַן פון די רוסישע בירגער, צו מאַכן אַלעמען גלייך אָרעם און רייך, (וואָס האָט זיך שפּעטער מיט יאָרן אויסגעלאָזט מיט אַ גרויסן בוידעם...) אין פוילן אַליין האָבן די אידן זייער שטאַרק געליטן פון זייערע גוי'שע שכנים וועלכע זענען געווען שרעקליכע אַנטיסעמיטן און האָבן נאָר געזוכט ווי אַזוי צו רודפ'ן און פּייניגן די אידן, די יונגע בחורים אין פוילן האָבן זיך געדרייט פאַדרייט און צוטומלט, נישט האָבנדיג קיין קלאָרע וועג, פון אַלע זייטן האָבן געגלאַנצט נייע רעיונות, און די פּשוטע תּמימות'דיגע אידישקייט האָט זיך קוים געהערט.

אין דער מבול איז אויפגעשטאַנען ר' שׂמחה באַרנשטיין הי"ד, ער האָט גענומען דעם פּען אין די האַנט, און האָט אַראָפּגעשריבן די הייליגע לויטערע השקפה פון רבי'ן פאַר'ן יונג'ן דור, מיט זיין שיינעם לשון און קלאָרע שפּראַך, האָט ער אַראָפּגעלייגט מאמרים פון השקפה און חנוך אין די אידישע בלעטער אין יענע תּקופה, ר' שׂמחה ז"ל האָט געוואוסט אַז אפילו נאָר איין דבור פון רבי'ן, איז אַ רפואה און ישועה, פאַר דעם מצב פונעם דור.

שׂמחה איז געבוירן געוואָרן אין פוילין יז' ניסן תרס"ג צו זיין טאַטן ר' איסר חנוך און זיין מאַמע פייגאַ ע"ה, וועלכע זענען געווען פּשוט'ע ערליכע אידן, וויפיל מיר ווייסן אַז ער האָט געהאַט אַ ברודער משה חיים הי"ד און צוויי שוועסטער'ס אסתּר און זלאַטע.

זיין טאַטע האָט געפירט אַ געוועלבל וואָס פון דעם האָט ער מפרנס געווען די שטוב, שׂמחה איז געווען אַ גוט הארציגער נאָך פון אַלס קינד צודערצו האָט ער אויך געהאַט אַ גוטע קאָפּ אין לערנען, זיינע קינדעריש'ע יאָרן האָט ער געלערנט ביי אַ מלמד, אַזוי ווי עס איז געווען איינגעפירט אין יענע צייט, שפּעטער איז ליידער געווען איינגעפירט ביי אַסאַך אידישע שטיבער צו שיקן די בחורים אויך לערנען אין די גימנאַזיע פון די ציוניסטן, וועלכע האָבן אויסגעצאָלט די אויסגעצייכנטע תּלמידים די שׂכר למוד פאַרן לערנען.

דער טאַטע האָט געוואָלט אַריינשיקן שׂמחה אין די גימנאַזיע צו לערנען שפּראַכן, ער איז שוין אפילו אַריבער די ערשטע בחינה מיט גרויס הצלחה, דער מלמד פון שׂמחה האָט אָבער די זאַך זייער געבאַדערט, ער האָט געזאָרגט פאַר דער וואוילער אינגל, ער זאָל ח"ו נישט אַראָפּפאָרן פון אידישן וועג, וואָס איז ליידער געשען מיט רוב קינדער וועלכע זענען דאָרט געגאַנגען לערנען, ווען ער האָט אָנגעטראָפן שׂמחה האָט ער צוגערעדט צו זיין האַרץ: **אויב ווילסטו הערן אַ גוטע עצה, גיי נישט צו די גימנאַזיע, גיי נאָר צו אַ מקום תּורה, הער מיר צו פאָר צום דערפל דוואַרט, צו די ישיבה פון דער גאון ר' מאיר דן פּלוצקי, און לערן תּורה ביי אים.**

דער יונגער שׂמחה האָט אָנגענומען די עצה פון זיין רבי'ן, און איז געפאָרן צו די ישיבה אין דוואַרט, דאָרט האָט ער אַסאַך געשטיגן אין תּורה און יראת שמים, ער האָט שטאַרק ליב געהאַט צו לייגען און האָט אַסאַך מעיין געווען



אידישע קינדער שטארקן זיך מיט אמונה און ריקודים אין לאדז

אין סִפְרֵי מוּסָר און חֲסִידוּת, אַזוֹי אַרוּם אִיז עֶר אוֹיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם רֶבִּי'ס סְפָרִים וָואס מֶען הָאט שׁוֹין אִין יֶענֶע צַייט גֶעקֶענְט גֶעפִינֶען אִין פּוֹילְן, דִי סְפָרִים הָאבְּן אוֹיפְגֶעלוֹיכְטְן זַיינֶע אוֹיגְן, נַייעֶ וֶועגְן זֶענֶען אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעוָוארְן פַאר אִים, עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט אִין זֵיי, און פְלֶעגְט אָפְט אַרַיינְקוּמֶען אִין בְּרֶסְלֶב'עֶר קְלוֹיז אִין לָאדְזְשׁ וָואס מֶען פְלֶעגְט עֶס רוּפְן מִיט שְׁפַּאס, "דִי קְלוֹיז פוּן דִי טוֹיטֶע חֲסִידִים" (ווייל זֵיי הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס לֶעבְּט שׁוֹין נִישְׁט הַיינְט).

מִיט דִי צַייט אִיז שִׂמְחָה אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבַת "הֲלָכָה כְּנַחֲמָנִי" אִין אוֹסְטְרוֹבְצֶא, דָארְט הָאט עֶר זִיךְ פֶעסְט אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט מִיט'ן דַעַת פוּן רֶבִּי'ן מִיט דִי לִיכְטִיגֶע שִׁעוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן ר' אַבְרָהָם יִצְחָק ווייסְזָאנְד, ר' יִצְחָק בְּרַייטֶער, און נָאךְ.

ר' שִׂמְחָה הָאט אוֹיסְגֶענוּצְט זַיינֶע גוּטֶע כִּשְׁרוֹנוֹת, און עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעשְׁרִיבְּן דִי גֶעדַאנְקֶען פוּן רֶבִּי'ן אִין פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט צַייטוּנְגֶען וֶועלְכֶע זֶענֶען עֶרְשִׁינֶען אִין יֶענֶע צַייטְן, אוֹיךְ פַאר אנ"ש הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ קוּנְטְרֵס "אוֹר זוֹרֵחַ" וָואס וֶוער עֶס הָאט גֶעהַאט אַ חִידּוּשׁ אִין דִי תּוֹרוֹת פוּן רֶבִּי'ן הָאט דָאס גֶעשִׁיקְט צוּ ר' שִׂמְחָה און עֶר הָאט מִיט זַיין קְלָארֶע שְׁרִיפְט אַלֶעס אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן און מְפֻרְסָם גֶעוֶוען צְווִישְׁן אנ"ש אִין פּוֹילְן. פוּן אַלֶע עֶקְן פוּן פּוֹילְן הָאט מֶען אִים אַרִיבֶּער גֶעשִׁיקְט חִדּוּשֵׁי תּוֹרָה, אַזוֹי אוֹיךְ פוּן אוּמַאן און אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט מֶען אַרִיבֶּערְגֶעשִׁיקְט חִדּוּשִׁים צוּ אַרוֹיסְדְרוּקְן אִין דֶעם קוּנְטְרֵס "אוֹר זוֹרֵחַ".

ר' שִׂמְחָה הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט אַ חוּשׁ הַנְּגִינָה און הָאט גֶעקֶענְט שְׁפִּילְן אוֹיף עֶטְלִיכֶע כֵּלִים, עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן שֵׁיינֶע נִגּוּנִים און הָאט אוֹיךְ גֶערֶעדְט דְרָשׁוֹת פַארְן יוּגְנְט אִין פּוֹילְן, זַיינֶע דִיבּוּרִים זֶענֶען גֶעוֶוען פַאר זֵיי ווִי אַ קַאלְט גְלָאז וַואסֶער פַאר אַ דָארְשְׁטִיגְן, דִי לִידֶער און מַאֲמָרִים וָואס עֶר גֶעשְׁרִיבְּן הָאט עֶר אוֹיסְגֶענִיצְט צוּ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער - וָואס הָאט זַייעֶר גֶעפֶעלְט - פַארְן יוּנְגְן דוֹר.



# מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע

אִיךְ וִויל אַייךְ פַארְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה

אֵיינְמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ חֲלוּקַת הַפְּרָסִים בַּיי אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה. בַּיי אוּנְז אִיז דִי סֵדֶר אַז אֲפִילוּ וֶוער ס'אִיז כִּמְעַט נִישְׁט קֵיין חָתָן קֶען בַּאקוּמֶען אַ תְּעוּדָה, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נָאךְ גֶעהַאלְטְן גָאר וַוייט אִיךְ זָאל קֶענֶען בַּאקוּמֶען אַ תְּעוּדָה, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט שְׁטִילֶערְהֵייט אַ תְּפִלָּה צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אַז אִין זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - וָואס אִיךְ לֶערְן אִין אַ חֵדֶר וָואס וֶוערְט גֶערוּפְן אוֹיף זַיין נָאמֶען- זָאל אִיךְ אוֹיךְ קֶענֶען בַּאקוּמֶען אַ תְּעוּדָה.

אוֹיס-
צייכענונג
להילד היקר
כמר גדלי'
....

דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן טֵיילְן תְּעוּדוֹת און אִינְמִיטְן בַּאקוּם אִיךְ אוֹיךְ אַ תְּעוּדָה, אִין זְכוּת פוּן דִי תְּפִלָּה וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעשְׁפָּארְט.

גדלי'

בַּיי אוּנְז אִין חֵדֶר הָאט מֶען זִיךְ גֶערִיכְט אוֹיף גָאר אַן אִינְטֶערֶסַאנְטֶע נְסִיעָה, וָואס קוּמְט פָאר אֵיין מָאל אִין יָאר, אַלֶע קִינְדֶער גְּרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין אוֹיף דִי נְסִיעָה מִיט גְרוֹיס שְׁפַּאנוּנְג.

אָבֶּער אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי רוּאִיג, ווייל אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ גֶעשְׁווִילֶעכְטָס אוֹיף מַיין פוּס, עֶס אִיז מִיר נִישְׁט גֶעוֶוען מֶעגְלִיךְ מִיט אַזַא פוּס צוּ פָארְן, הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען דִי גֶעוואלְדִיגֶע עֵצָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, און אִיךְ הָאבּ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אָדֶער זָאל דִי גֶעשְׁווִילֶעכְטָס זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן, אָדֶער זָאל זִיךְ דִי נְסִיעָה אָפְּשְׁטוּפְּן ווִי שְׁפֶּעטֶער.

דִי נְסִיעָה הָאט גֶעדַארְפְט פָארְקוּמֶען אָנְהֵייבּ וָואךְ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי אַרוּמְגֶעדְרֵייט אִין חֵדֶר מִיט דִי זָאקְן, מִיט יִסּוּרִים אוֹיף דִי נָאגְל, ווען מֶען הָאט אוּנְז מוֹדִיעַ גֶעוֶוען אַז דִי נְסִיעָה הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט אוֹיף אַ וָואךְ ווייל עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶענוּג בַּאסֶעס אוֹיף דֶעם טָאג.

מַיין פוּס הָאט זִיךְ טַאקֶע אוֹיסְגֶעהֵיילְט בִּיז סוֹף וָואךְ אַזוֹי אַז אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט מִיטְהַאלְטְן מִיט דִי נְסִיעָה, און בַּאקוּמֶען פְרִישֶׁע כּוֹחוֹת פַארְן קוּמֶענְדִיגְן זְמַן

אֱלִיעֶזֶר



# לגמור זיך פאר הערן

# בחינה אויף ספורי מעשיות
## די דריטע מעשה
## מעשה פון חיגר (1)

**א. וואס האט דער חכם געלאזט צוואה פאר זיינע קינדער?**
- ❑ צו פלאנצן פרוכט
- ❑ צו אקערן פעלדער
- ❑ צו אנטרונקען ביימער

**ב. וואס האט דער חיגר יא געקענט?**
- ❑ גיין
- ❑ שטיין
- ❑ לויפן

**ג. פון וואו האט דער זון געהאט פרנסה?**
- ❑ ער האט באקומען פון גבאי צדקה
- ❑ ער האט נישט געהאט וואס צו עסן
- ❑ די ברודער האבן אים געגעבן

**ד. פון וואו האט ער געהאט געלד צו טון משא ומתן?**
- ❑ פון וואס ס'איז אים איבערגעבליבן פון זיין פרנסה
- ❑ די ברודער האבן אים פארבארגט (גיליגען)
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. ער האט זיך מיישב געווען צו פארן קיין?**
- ❑ ברעסלא
- ❑ לייפציק
- ❑ איטליא

**ו. ווער מען האט ער מיטגענומען אויפ'ן וועג?**
- ❑ א בעל עגלה
- ❑ א נאמן
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. וואס האט פאסירט אינמיטן וועג?**
- ❑ א גזלן האט זיי באפאלן
- ❑ גזלנים זענען זיי אנגעפאלן
- ❑ די וואגן האט זיך צובראכן

**ח. ווער איז אנטלאפן?**
- ❑ דער חיגר און דער נאמן
- ❑ דער נאמן און דער בעל עגלה
- ❑ דער חיגר דער נאמן און דער בעל עגלה

**ט. וואס האבן זיי גראבעוועט פון אים?**
- ❑ דאס קעסטל און די פערד
- ❑ די פערד און די וואגן
- ❑ דאס קעסטל די פערד און די וואגן

**י. וואס האט ער געגעסן אנפאנג?**
- ❑ סוהערעס (טרוקענע ברויט)
- ❑ ער האט נאר געטרונקען
- ❑ מצות

**יא. וואס האט ער געגעסן ווען ס'האט זיך געענדיגט די עסן פון וואגן?**
- ❑ ער האט געטראפן ברויט
- ❑ ער האט נאר געטרונקען
- ❑ גראז

**יב. נאכדעם וואס ער האט גענעכטיגט אין פעלד האט ער געקענט שטיין?**
- ❑ ער האט צוריק אנגהויבן צו גיין
- ❑ ער האט געקענט שטיין
- ❑ ער האט נאר געקענט זי רוקן

**יג. פארוואס האט ער אויסגרוסן די קרייטיכץ מיט די ווארצל?**
- ❑ ווייל ס'האט אים אויסגעזען גאר א אלטע קרייטיכץ
- ❑ ווייל ער האט געוואלט עסן אויך די ווארצל
- ❑ ווייל אזא קרייטיכץ האט ער נאכנישט געזען

**יד. וויאזוי איז געווען דער דומיט וואס ער האט געטראפן?**
- ❑ רינדעכיג
- ❑ א לאנגע קעסטל
- ❑ פיר עקעדיג

**טו. וויאזוי איז ער אנגעקומען צו פלאץ וואס טאג און נאכט טרעפן זיך?**
- ❑ ער איז געגאנגען צופיס
- ❑ מיט פערד און וואגן
- ❑ ער האט אנגעכאפט דער דומיט אויף די זייט וואס ווער עס כאפט אן די זייט קומט אן צו פלאץ וואס טאג און נאכט טרעפן זיך

**טז. וואס האט די זון געקלאגט פאר דער לבנה?**
- ❑ אז ער האט נישט כח און די פוס ווייל די שדים נעמען זייער כח פון זיינע פוס
- ❑ אז ער טרוקענט די בוים וואס האט אין זיך אסאך סגולות
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יז. וואספארא דאגה האט די לבנה דערציילט?**
- ❑ אז ער האט נישט כח און די פוס ווייל די שדים נעמען זייער כח פון זיינע פוס
- ❑ אז זי טרוקענט די בוים וואס האט אין זיך אסאך סגולות
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**נָאר דָאס זָאלְט אִיר זֶעהְן תָּמִיד צוּ טָאן. אָן צוּ טְרֶענְקֶען בֵּיימֶער - מיט פיל הצלחה**

אויבֶּערְשְׁטְן, וָואלְט מַיין סוֹף גֶעוֶוען זֵייעֶר גוּט. יָא בִּלְעָם'ל הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים אויבֶּערְשְׁטְן דִי אַלֶע וֶוערְטֶער, וַוייל דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים דָאס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין מוֹיל עֶר זָאל דֶערְמִיט שְׁטַארְקְן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי זָאל זַיין שְׁטַארְק אִין דֶער עִנְיָן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ






צו ענטפערן
די בחינות און
אריינגיין אינעם גורל,
02-5-3333-72
646-518-1095
צו הערן די געווינער
דרוק נומער 4



**נײ אויפן טעלעפאן ליין**
מיר האבן צוגעלייגט
גאר א שיינע שיעור
די וואך צווייטע שיעור
אויף ספר תנ"ך אויפן קנעפל
2-4 פון הויפט אריינגאנג

המשך פון זייט 1

## דער ריינער קוואל

אוֹיסְגִיסְן יֶעדְן טָאג דָאס הַארְץ פַארְן אויבֶּערְשְׁטְן, מִיט שְׁטַארְקֶע רְצוֹנוֹת אוּן כִּסוּפִים.

בִּלְעָם הָאט גֶעוָואלְט חָזֶק מַאכְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, קַאלְט אוּן שְׁוַואךְ מַאכְן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶערְלֶעךְ כְּדֵי זֵיי צוּ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶער דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת הָאט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט זַיינֶע קְלָלוֹת צוּ בְּרָכוֹת אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז בִּלְעָם אַלֵיין הָאט גֶעמוּזְט מוֹדֶה זַיין וִוי טַייעֶר אוּן חָשׁוּב זֶענֶען דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶערְלֶעךְ מִיט זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע עֲבוֹדוֹת בַּיים אויבֶּערְשְׁטְן (ליקו"ה ברכת השחר ה' פ"ז).

דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אַזוֹי וִוי אִין יֶענֶע צַייט אִיז גֶעוָוארְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אַלֶע קְלָלוֹת צוּ בְּרָכוֹת זָאל הַיינְט אוֹיךְ וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אַלֶע גְזֵרוֹת אוּן דִינִים צוּ בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת אוּן דֶער חֹדֶשׁ זָאל נִתְהַפֵּךְ וֶוערְן לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה אָמֵן.